בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א


**ראש השנה**
**א' תשרי תשפ"ו**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:00 |
| מוצש"ק | 7:11 |
| ר"ת | 7:52 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:44 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:27 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער


גליון מס':
קנ"ג
שנה ד'


## טיב הפרשה

# אשרי העם יודעי תרועה

### דער הייליגער מצוה פון תקיעות שופר

א שטארקער קלאפ האט זיך מיטאמאל ארויסגעהערט פון דער היכל הקודש פון דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע.

לליך שנעל זענען די געטרייע חסידים און די גבאים אריינגעלאפן אין דעם צימער צו זען וואס עס האט דארט פאסירט. אנקומענדיג אין צימער האבן זיי געזען ווי א פרעמדער איד ליגט אונטער'ן בעט פון דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע.

דער איד איז געלעגן דארט פאר'חליש'ט, זיך נישט געבנדיג קיין ריר פון ארט.

א וואונדער איז געווען אויסגעשפרייט אויף די פני'מער פון די חסידים און די גבאים. אין אזא צייט דארף זיך קיין איינער נישט צו געפינען ביים רבי'ן אין שטוב און ווי אזוי קען זיין אז איינער געפינט זיך דארט.

מען האט דערמונטערט דעם איד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד איז איינס פון די חשוב'ע רבנים פון איינס פון די קהילות און איז לעצטענס נתקרב געווארן צו דער דרך החסידות.

עער איד איז אויך געווען אין בארדיטשעוו. דארט האט ער צוגעזען די פלאמפייערדיגע עבודה פון דער בארדיטשעווער רב זי"ע און איז ארויס פון התפעלות פון איר. ער האט זיך געוואלט מתדבק זיין אין דער בארדיטשעווער רב, אבער דער בארדיטשעווער רב האט אים מגלה אז לויט זיין שורש נשמה דארף ער פארן קיין לובלין און זיך מתדבק זיין אינעם הייליגן רבי'ן פון לובלין.

דער איד איז טאקע גלייך ארויס קיין לובלין. א לענגערער צייט איז ער געווארן ארט אין לובלין און צוגעזען די עבודה פון די נאנט. א גרויסער חילוק אין עבודה איז געווען צווישן די צוויי צדיקים. אינדערצייט וואס ביים בארדיטשעווער רב איז אלעס געווען מיט א קאך, מיט א ברען איז די עבודה אין לובלין געווען איינגעהאלטן, באגרעניצט, אז מען האט ווייניג געזען אינדרויסן.

די חסידים האבן געזאגט אז ביים חוזה זעט מען נישט קיין סאך, אבער עס איז אא איינמאל א יאר וואס מ'זעט מער און דאס איז אין ראש השנה פאר די תקיעות. אין יענע שעה'ן ווערט זיך דער רבי איינשפארן אין צימער און פראווענען א געהויבענע עבודה.

עס איז געווען מקובל ביי די חסידים אז דער רבי פראוועט אין צימער א געהויבענע עבודה. מען האט נישט געוואוסט וואס עס גייט דארט פאָר, מען האט נאר געוואוסט אז עפעס טוט זיך דארט.

אנטשלאסן צו דערגיין וואס עס טוט זיך אין צימער האט זיך דער איד ארויסגעלאזט קיין לובלין. זייענדיג ווייט אוועק פון לובלין האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג עטליכע טעג פריער און איז געווען דארט אויף ראש השנה.

געגוי ווי די באקאנטע האבן מעיד געווען. אויסערליך האט מען נישט געזען אויפ'ן רבי'ן קיין ערנסטע סימנים אבער

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### חָטָאתִי? עָוִיתִי? פָּשַׁעְתִּי?

דריי רייזנדע זענען געפארן באזוכן א ווייטע לאנד וועמענס שפראך זיי האבן נישט פארשטאנען, און נישט געקענט זייערע פירונגען. אנקומענדיג אהין האבן זיי באשלאסן אז זיי וועלן אפשרייבן אלעס וואס זיי הערן, און אזוי וועלן זיי זיך מעגליך אביסל אויסלערנען דעם ארטיגן שפראך. אנקומענדיג צום ווירבלנדיגן שטאט האט זיך א גרופע קינדער פארזאמלט ארום זיי און אויסגערופן הויך אויפן קול 'דריי רייזנדע דרייען זיך'... די רייזנדע האבן אפגעשריבן דאס וואס זיי האבן געהערט און זענען ווייטער געגאנגען, און אט הערן זיי ווי א פעדלער רופט אויס 'מעסערס און שערלעך', און האבן דאס אויך פארשריבן. ווייטער האבן זיי באגעגנט א רייע מענטשן און איינער פון זיי רופט אויס 'איך בין דער ערשטער' און האבן דאס אויך אפגעשריבן. אזוי גייענדיג האבן זיי געזען א מענטש וועלכער ליגט טויט אויף דער ערד.

ווען די פאליציאנטן זענען אנגעקומען, האט א פאליציאנט זיך אנגערופן 'ווער האט אים גע'הרג'עט'? וויבאלד די געסט האבן שטארק געוואלט ווייזן זייערע 'קענטעניש' אינעם שפראך, האט איינער פון זיי אויסגערופן, פון די ווערטער וואס זיי האבן זיך נארוואס אויסגעלערנט – 'דריי רייזנדע דרייען זיך', האט דער פאליציאנט ווייטער געפרעגט 'מיט וואס האט איר אים גע'הרג'עט'? האט ווייטער דער רייזנדער געענטפערט מיט זיין געוואלדיגע "קלוגשאפט", 'מעסערס און שערלעך'. ווי פארשטענדליך האט זיי דער פאליציאנט געזאגט, 'איר זענט ארעסטירט', און דער רייזנדער האט זיך ווייטער אנגערופן 'איך בין דער ערשטער אין די רייע'...

ביי די תפילות פון יום הקדוש שטייען מיר אויף און מיר זאגן ווידוי צען מאל! און דאס איז דער עיקר פון יום הכיפורים – דער ווידוי – וויבאלד דאס איז דער ערשטער שטאפל פון אלע שטאפלען פון תשובה טון: ווידוי, חרטה האבן אויפן פארגאנגענהייט און קבלה אויפן צוקונפט. און יעצט, עס איז זייער מעגליך אז א מענטש וועט שטיין דורכאויס דעם גאנצן הייליגן טאג פון יום הכיפורים און שרייען "חָטָאתִי, עָוִיתִי, פשעתי", אבער עס טראגט נישט מיט זיך קיין שום אינהאלט. ער קען זאגן איינמאל און נאכאמאל "עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ", אינדערצייט וואס ער האט נישט אינזינען דעם באדייט פון די ווערטער. ער איז דעמאלטס פונקט אזוי ווי יענער רייזנדער וועלכער שרייט 'איך בין דער ערשטער אין די רייע', און אזא מענטש, נישט נאר וואס ער באקומט נישט קיין באלוינונג, נאר ער קען נאך הארב באשטראפט ווערן.

דער הייליגער רמב"ם אין הלכות תשובה, עפנט אן עפענונג צו פארשטיין די וועג פון תשובה, וזה לשון קדשו: 'וּמַה הִיא הַתְּשׁוּבָה? הוּא שֶׁיַּעֲזֹב הַחוֹטֵא חֶטְאוֹ, וִיסִירוֹ מִמַּחְשַׁבְתּוֹ, וְיִגְמֹר בְּלִבּוֹ שֶׁלֹּא יַעֲשֵׂהוּ עוֹד, שֶׁנֶּאֱמַר "יַעֲזֹב רָשָׁע דַּרְכּוֹ" וגו', וְכֵן יִתְנַחֵם עַל שֶׁעָבַר, שֶׁנֶּאֱמַר "כִּי אַחֲרֵי שׁוּבִי נִחַמְתִּי", וְיָעִיד עָלָיו יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת שֶׁלֹּא יָשׁוּב לְזֶה הַחֵטְא לְעוֹלָם, שֶׁנֶּאֱמַר "וְלֹא נֹאמַר עוֹד" וגו', וְצָרִיךְ לְהִתְוַדּוֹת בִּשְׂפָתָיו, וְלוֹמַר עִנְיָנוֹת אֵלּוּ שֶׁגָּמַר בְּלִבּוֹ, כָּל הַמִּתְוַדֶּה בִּדְבָרִים וְלֹא גָּמַר בְּלִבּוֹ לַעֲזֹב הֲרֵי זֶה דּוֹמֶה לְטוֹבֵל וְשֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, שֶׁאֵין הַטְּבִילָה מוֹעֶלֶת לוֹ עַד שֶׁיַּשְׁלִיךְ הַשֶּׁרֶץ, וְכֵן הוּא אוֹמֵר "וּמוֹדֶה וְעֹזֵב יְרֻחָם".

(עפ"י טיב המועדים-תשרי-יו"כ)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

וועלנדיג זען עפעס האט ער זיך ארייגעכאפט אין דער צי־מער פון דער חוזה מלובלין זי"ע מיטצוהאלטן דארט די עבודה.

עס איז געקומען פאר תקיעות שופר. דער צדיק איז אריין אין צימער און זיך אוועקגעשטעלט אויף זיין ארט. פון זיין לאך האט דער חסיד געוואלט מיטהאלטן די עבודה און אט הערט ער ווי דער חוזה מלובלין הייבט אן רעדן צו זיך אליין, ער מוסר'ט זיך אליין, ווי אזוי שעמט ער זיך נישט צו צוגיין צו אזא געהויבענע עבודה ווען ער איז פארשמירט מיט עוונות ופשעים.

א לענגערע צייט איז ער געשטאנען דארט און זיך אויסגע'מוסר'ט און תשובה געטון מעומק הלב.

"האסט דאך פאראיאר אויך געזאגט אז דו גייסט תשובה טון", האט דער צדיק גערעדט צו זיך און זיך אנגעהויבן מחזק זיין אז דאס יאר מיינט ער עס אמת'דיג, און אז די שערי תשובה איז נישט פארשפארט קיינמאל.

עער רב וועלכער איז געלעגן פארשפארט אין זיין ווינקל, האט מיטהאלטנדיג די געוויינעריי און די געשריי און בא־קומען א מורא'דיגע הרהור תשובה, און האט געשפירט ווי ער גייט אויס פון גרויס התעוררות און איז אוועקגעפאלן מאכטלאז פון דעם.

די מעשה איז א לימוד פאר יעדן איד פון אונז. מען זעט אין איר סיי די פחד וואס האט געהערשט אין די אמאליגע יארן פון א חטא, און ווי שטארק מען האט תשובה געטון, אז די תשובה איז אריין אין די ביינער אזוי שטארק, אז עס איז געווען ממש פרחה נשמתו פון די געוואלדיגע תשובה עילאה וואס מען האט געטון.

אזוי אויך זעען מיר פון דעם אז די תשובה איז געווען אין די צייט איידער ער איז צוגעגאנגען צו תקיעת שופר, ווייל דאס איז די העכסטע און די גרעסטע צייט וואס עס איז דא ביים כלל ישראל.

מערערע טעמים און ענינים איז דא אין די מצוה פון תקיעות שופר. צווישן זיי זעט מען דער ענין פון זיך דערוועקן צו עבודת ה', דאס הארץ צום בורא כל העולמים, אבער עס איז אויך דא די פנימיות'דיגע ענין און דאס איז ווי חז"ל זאגן אז הקב"ה גייט אריבער פון די כסא דין צו די כסא רחמים.

מען זעט אז דער שופר איז א פנימיות'דיגער זאך, אז עס איז א סגולה'דיגע זאך, אז עס האט אין איר א כח אז הקב"ה גייט אריבער פון דער כסא דין צו דער כסא רחמים, און עס איז זיכער אז מיר מוזן זיך דערוועקן פון איר אויף די שטערקסטע וועג וואס עס איז נאר שייך זיך צו דערוועקן.

## די כוונה פון שופר

מען דארף אבער וויסן אין די זעלבע צייט, אז א טייל פון דער כח וואס דער שופר האט איז נאר ווען מען האט אינזינען ביים בלאזן אז מען איז מקיים א מצוה.

עער של"ה הק' אין פרק נר מצוה [טו] ברענגט ער אראפ דעם ענין באריכות און מיר ציטירן דא לשון קדשו: "וכמו־זכר בספר 'תולעת יעקב' (בסוד השופר ותקיעותיו), וזה לשונו: ובויקרא רבה (פרק כ"ט ד), 'אשרי העם יודעי תרועה' (תהלים פט, טז), אמר רבי יאשיה, וכי אומות העולם אינם יודעים להריע? כמה קרנים יש להם, כמה סלפינים, כמה בוקינים יש להם (פירוש: כל מיני כלים שתוקעים בהם), ואתה אומר אשרי העם יודעי תרועה?! אלא, 'אשרי העם' אלו ישראל שיודעים לרצות את בוראם בתרועה. מה עושה הקדוש ברוך הוא? עומד מכסא דין, ויושב על כסא רחמים".

דער של"ה איז ממשיך און שרייבט: "הנה, ביארו (במדרש) ע"ה, כי מה שכתוב 'אשרי העם יודעי תרועה', אין הכוונה בו הידיעה להריע, כי אם הידיעה בה לרצות (את) הַמְצַוֶּה בתרועה ההיא (כלומר, שלא די בעצם הידיעה כיצד תוקעין, אלא גם צריך לדעת היאך מרצה בזה את הקב"ה שהוא ציווה אותנו לתקוע בשופר). וזה אי אפשר כי אם בידיעת כוונתו ורצותו בה. והיודעים זה הם ישראל, כי הם יודעים דרך ה' אשר הורם, ולהם בלבד גילה סודו. ולזה יודעים לרצות בוראם, ולשנות דעתו מרעה לטובה. לפיכך צריך התוקע לדעת טעם הדבר, ולכוין אליו, כי הוא סרסור בין ישראל לאביהם שבשמים לכפר בעדם לבטל הדין, ולהמשיך הרחמים. וזהו עשיית הטוב בעיני ה'. כי כפי ההתעוררות העולה מלמטה מתעורר נגדו למעלה. ואם הדברים עולים כהוגן, ובכוונה שלמה, הנה גורם להתעוררות הרחמים מסיבה לסיבה, והעושה כן מוצא חן בעיני השם עד כאן לשונו".

## די כח פון שופר

איינס פון די שאלות וואס אסאך פרעגן און ווילן פארשטיין איז, פארוואס איז דער כח פון שופר אזוי גרויס אז הקב"ה ווערט נתרצה דורך די שופר און גייט אריבער פון כסא רחמים צו די כסא הדין? עס איז דא נאך אסאך גרויסע מצוות וואס כלל ישראל האט, מיט וואס איז די מצוה גרעסער פון אלעם אז עס מאכט אן אזא מהפיכה אז הקב"ה גייט ביי איר אריבער מכסא דין לכסא רחמים.

אין די ספרי קודש טרעפט מען איבער מערערע מהלכים. א שיינער מהלך איז דא אין בני יששכר אין די מאמרים פון חודש תשרי [מאמר ג' יום תרועה דרוש ד']. דארטן שטעלט ער זיך אויף דעם און זאגט דערוועגן א שיינער דערהער. ער שרייבט אז די חשיבות פון שופר נעמט זיך פון דעם, אז די מצוה געבט ארויס די שיינקייט פון כלל ישראל איבער די אנדערע פעלקער און ווען מען איז משבח כלל ישראל איבער די אנדערע פעלקער ווערט נתעורר די מידת הרחמים און הקב"ה גייט אריבער פון די כסא הדין צו די כסא הרחמים.

זיינע ווערטער בויט ער זיך אויף די ווערטער פון דער בעל חובת הלבבות [שער אהבת ה' פרק ז'], וואו ער געבט אן א סימן ווי אזוי מען קען דערקענען א ירא ה' פון אנדערע.

די סימן וואס ער געבט איז אז אויף אן ערליכער איד ליגט אן אור און ער געבט צו פארשטיין די חילוק צווישן א איד און א גוי. ווען דער איד איז מקיים א מצוה, אפילו אז ער מאכט די מצוה בשלימות, וועט ער אייביג שפירן אז ער האט נישט יוצא געווען ידי חובתו און אז ער דארף טון מער, ער האט א שברון לב. דאגעגען דער גוי איז מלא וגדוש מיט שלעכטע מעשים און אויב עס מאכט זיך אז ער האט שוין געמאכט א גוטע מעשה שפירט ער זיך שוין זייער גוט מיט דעם.

מיר ציטירן דא לשון קדשו פון דער הייליגער בני יששכר וזלה"ק: "והנה הסימן הזה רמוז ב'תרועה', כי התרועה הוא הברה מהבל הלב קולות נשברים, יורה על 'לב נשבר', ופני התוקע מתאדם (עיין בכוונות האר"י הק', כוונת הארת פני התוקע), וזהו שאמרו חז"ל: 'יודעים לרצות את בוראם בתרועה', שעל ידי רמיזת ה'תרועה', מרמזים ל'בוראם', ראה נא מה בינינו לאומות וסימנינו סימן התרועה כמו שאמר ההוא חסיד, תראה פניהם שעלה עליהם האור דמיון פני התוקע, וכשתעמוד על הלבבות תראה לבבות נשברות לאלקים דמיון תנועת התרועה מהבל הלב, וזהו ה' באור פניך יהלכון, הבן כי קצרתי".

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין אז דער שופר זאל מעורר רחמים זיין אויפ'ן כלל ישראל, און אז מען זאל געבענטשט ווערן און האבן א גוט יאר און קענען אמת'דיג מעורר רחמים זיין אויף כלל ישראל און ממשיך זיין אלע הייליגע און לויטערע השפעות פאר גאנץ כלל ישראל.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן הדך לייענדס

# אוועקגעגעבן די געשעפט און געטראפן א פיינער שול

איך האב א נאנטער ידיד. דער איד געבט זיך אוועק בלב ובנפש פאר קירוב רחוקים, מקרב צו זיין אידן וואס זענען דערווייטערט געווארן פון אידישקייט, צום אמת'ן וועג.

עס איז דא אסאך אידן וואס זענען מקרב אנדערע אידן לאבינו שבשבמים, אבער זיין דרך איז אנדערש פון אלעמען. זיין וועג איז אז ער רעדט צו די יונגווארג וואס לערנט אין אונערוועוערזיטעטן און אין קאלעדזשעס, און לערנט מיט זיי אידישקייט.

ער ארגאנאזירט פאר זיי געשמאקע שיעורים און רעדט צו זיי איבער אידישקייט.

אין א טאג האט ער זיך געוואנדן צו מיר בעטנדיג אז איך זאל אים העלפן שאפן א פלאץ וואו ער קען איבערגעבן זיינע שיעורים. ער האט זיך געוואנדן צו מיר נאך דעם וואס מען האט אים פארשיקט פון די פריערדיגע ארט וואו ער איז געווען.

איך האב א געשעפט אין א גרויסער שאפינג מאלל [קניון]. אין די געביידע איז אויך דא א שול. זייענדיג באקאנט מיט די שול האב איך געוואוסט אז אגאנצער וואך שטייט די שול ליידיג, אז נאר שבת איז עס אקטיוו.

"אפשר נוצסטו די שול אין די געביידע פון די שאפינג מאלל", האב איך אים פארגעשלאגן.

ער האט מיר דערציילט אז ער האט שוין גערעדט מיט דער אויפזעער, אבער יענער וויל נישט הערן פון דעם. דער אויפזעער איז ליידער ווייט פון אידישקייט, און ער האט נישט געהאט קיין געפיל אוועקצוגעבן די שול.

עטליכע טעג איז אריבער. דער מחזיר בתשובה קלינגט מיר אן צובראכענערהייט אז ער מוז שליסן די פעולות.

"איך האב נישט קיין פאסיגע פלאץ, אין די אלטע פלאץ קען איך נישט ממשיך זיין, אן קיין פלאץ קען מען נישט אנפירן די פעולות בקודש".

זעענדיג אז עס גייט נישט אנדערש, און נישט וועלענדיג אז ער זאל אפשטעלן זיינע פעולות וויסנדיג ווי קריטיש עס איז, האב איך אים פארגעשלאגן אז ער זאל קומען צו מיר אין געשעפט.

עס איז נישט געווען אזוי באקוועם, אבער עס איז מיר געווען וויכטיגער ווי ער זאל אפשטעלן זיינע פעולות.

א שטיק צייט איז ער געווען ביי מיר אין געשעפט. אין יענער צייט איז דער אויפזעער געווען ביי מיר. זעענדיג אז ביי מיר ווירבלט זיך האט ער געוואלט וויסן וואס עס גייט דארט פאר, האב איך אים דערציילט, זאגט ער, פארוואס זאל ער נישט גיין צו די שול וואס איז דא אין דער שאפינג מאלל.

הערנדיג אז די פארשלאג קומט פון אים, האב איך אים נישט געוואלט זאגן אז בעצם האט מען שוין גערעדט דערוועגן און אז ער האט זיך קעגנגעשטעלט די זאך.

איך האב אים באדאנקט אויף די הצעה זעענדיג דערינען דער יד ה' ווי אזוי מ'דארף בלויז עפענען א קליינער נאדל און ענדע שיקט שוין הקב"ה די ישועה פון הימל.

מיט דעם וואס איך האב מסכים געווען אז עס זאל זיין ביי מיר אין געשעפט, איז עס געווארן גלייך מסודר אז מען זאל קענען אנקומען צו נוצן א געשמאקע שול מיט אלע צוגעהערן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י. א.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל

"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ, הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה-שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ". די מפרשים שטעלן זיך אויפן לשון "תְּשׁוּבָה-שְׁלֵמָה", וואס דערפון זעען מיר אז עס איז דא א תשובה וועלכע איז נישט 'שְׁלֵמָה', נישט פולשטענדיג, וואס אויך די דאזיגע תשובה איז אריינגערעכנט אין די מצוה פון תשובה. – נאר אין די יעצטיגע געהויבענע און געבענטשטע תשובה טעג בעטן מיר אז מיר זאלן זוכה זיין אנצוקומען שלימות'דיג צו תשובה שלימה פארן הייליגן באשעפער.

און אזוי שרייבט דער הייליגער מבי"ט אין זיין ספר 'בית אלוקים' (שער התשובה פרק י"ב), אז די מצוה פון תשובה איז נישט אזוי ווי די אנדערע מצוות פון די תורה, וואס אויב מען טוט בלויז איין טייל פון די מצוה איז עס נישט קיין מצוה, ווי צום ביישפיל איין ווינקל פון די ציצית אדער איין פרשה פון די תפילין א.ד.ג. – אנדערש איז די מצוה פון תשובה, טראצדעם וואס עס דארף האבן שלימות, מיט חרטה, קבלה און עזיבת החטא, און דער תיקון פון 'תשובת המשקל' וכו'. פונדעסטוועגן, דורך יעדן קליינעם טייל וואס דער מענטש מאכט פַארשריט מיט תשובה וועט ער אויפטון, און עס איז א מצוה זע דארט.

דעריבער איז תשובה געבויט געווארן מיט א סדר, איין מדריגה נאכן אנדערן, און מען דארף עס גוט צופאסטן לויטן נפש פון דער מענטש וועלכער טוט תשובה, יעדער איינער לויט זיין אייגנשאפט, און ווייטערצוגיין מיט די תשובה שטאפל נאך שטאפל, צוביסלעך צוביסלעך, און אזוי שטייגן יעדער איינער לפי דרכו, ביז מען וועט זוכה זיין צו תשובה שלימה. – ווייל אויב וועט מען ארויפשפרינגען אלע מדריגות אויפאמאל, וועט אים זיין גאר שווער צו שטיין אין דעם און גאנץ שנעל וועט ער חלילה אראפפאלן דערפון.

און אזוי שרייבט דער הייליגער ראשית חכמה (שער התשובה פ"ה) וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "עִם הֱיוֹת שֶׁהֶחָסִיד וְהַקָּדוֹשׁ בַּעַל הַקָּנֶה עָלָיו הַשָּׁלוֹם הִפְלִיג בְּסֵדֶר הַתְּשׁוּבָה, לֹא כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיְּמָהּ. בִּפְרָט אָדָם הַמְּפֻנָּק, וְכָל יָמָיו גָּדַל בְּתַעֲנוּג, אִם יֵעָקֵר בְּבַת אַחַת לַעֲשׂוֹת הַסִּגּוּף, אֶפְשָׁר שֶׁיֶּחֱלֶה. וְלָכֵן צָרִיךְ לְהִתְנַהֵג מְעַט מְעַט בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, כְּגוֹן שֶׁיַּתְחִיל לִפְרֹשׁ עַצְמוֹ מִן הַבָּשָׂר וְיַיִן וכו' עַד שֶׁיַּרְגִּיל לְהַכְנִיעַ יִצְרוֹ מְעַט מְעַט. וְכֵן פֵּרְשׁוּ רז"ל בְּמִדְרַשׁ יְלַמְּדֵנוּ כו', אָמַר הקב"ה לְיִשְׂרָאֵל: הֱווּ מְסַלְּקִים יֵצֶר הָרָע קִמְעָא כו'. וְכֵן כָּתַב הֶחָסִיד בַּעַל חוֹבַת הַלְּבָבוֹת (סוף שער האהבה) ז"ל: וְהִתְנַהֵל לְאַט וּבְמָתוּן בִּקְנוֹת הַמִּדּוֹת הַטּוֹבוֹת כְּפִי שֶׁיִּסְבְּלֵהוּ עִנְיָנֶיךָ. וְהִזָּהֵר מִן הָרִבּוּי וְהַהַפְלָגָה מִבְּלִי הַדְּרָגָה פֶּן תֹּאבֵד! כִּי רוֹב הַשֶּׁמֶן בְּנֵר הִיא הַסִּבָּה לְכַבּוֹת אוֹרוֹ", עכ"ל. [זע אויך אין ספה"ק שם משמואל מועדים, שבת תשובה תרע"ו ד"ה שובה ישראל, וצ"ע].

• • •

אין איינס פון די געהויבענע תשובה טעג פון חודש אלו"ל, האט מען געברענגט צו א חשוב'ער רב וועלכער איז איינער פון די גדולי ירושלים, א יונגער בחור וועלכער איז ליידער געווען פון די 'נושרים' [אראפגעגליטשטע פונעם גלייכן וועג רח"ל], וועלכער איז ליידער געפאנגען געווארן אינעם נעץ פונעם יצר און איז ל"ע אריינגעפאלן אינעם טיפן גרוב פון שלעכטע תאוות און הארבע עבירות רח"ל. און די צוקלאפטע עלטערן זענען געווען צובראכן אויף פיצלעך, און האבן זיך געבעטן פאר זייער באליבטן קינד, אז דער רב זאל אים פראבירן צורעדן און צוריקברענגען פון זיין פארקרומטן וועג.

אבער צום גרויסן ווייטאג, איז אט דער בחור'ל געווען אינגאנצן געפאנגען אין די הענט פונעם סטרא אחרא! די געפערליכע קליפה האט זיך אנגעקלעבט אין אים מיטן גאנצן שטארקייט, רחמנא לישזבן. אלע מוסר רייד און דברי התעוררות האבן גארנישט אויפגעטון, מיט עקשנות און הארטנעקיגקייט האט ער אוועקגעשטופט יעדן מעגליכקייט פון חוזר בתשובה זיין.

אין א געוויסן שטאפל פונעם באגעגעניש, איז דער בחור אויפגעשטאנען, און פון זיין גרויסן יאוש האט ער זיך אויסגעדרוקט מיט די פאלגנדע שטורעמישע ווערטער: "חשוב'ער רב, ווי עס זעט אויס, פארשטייט איר נישט מיין מצב! אויב עס זעט אייך נאך אויס אז מען קען נאך טוישן מיין באשלוס, איז א סימן אז איר האט מיר נישט פארשטאנען! איך בין אבער פעסט מיט זיך! און איך וועל נישט טוישן מיין וועג אויף קיין שום פאל! איך וויל נישט און איך בין נישט גרייט יעצט צו הערן קיין שום מוסר רייד, וויבאלד אין מיין טרויעריגן און צווייפלהאפטיגע צושטאנד אינטערעסירט עס מיר פשוט נישט"!

דער מצב פונעם בחור איז טאקע געווען זייער געפערליך, און דער שרעקליכער צער פון די חשוב'ע משפחה, וועלכע איז באשטאנען פון ערליכע אידן, יראים ושלמים, האט געשריגן עד לב השמים! יעדער איז אבער געווען פארצווייפלט, און ווי עס האט אויסגעזען האט מען נישט געקענט טרעפן אפילו א קליין שפאלט צו קענען אריינדרינגען אין זיין פארשטאפטן הארץ. – לויט ווי מען האט געקענט זען, איז ער ליידער אנגעבינדן געווארן מיט די שטריק פונעם שטארקן גלוסטעניש, און עס נישט געקענט אפטשעפען פון זיך, אזוי ווי מיר געפינען אין זוהר הקדוש (ח"ג קח.) די בחינה פון "דְּכָפִית בְּאַחֲרָא", אז דער מענטש איז געווען צוגעבינדן און אונטערטעניגט אין די הענט פון די תאוה, און עס האט אים ארומגענומען מיט אירע שארפע נעגל פון אלע זייטן (סוטה ג:).

דער עיקר טענה פונעם בחור איז געווען, אז דער מצב איז שוין לאנג 'לאחר יאוש'! ערקלערנדיג אז ער געפינט נישט ביי זיך קיין שום טראפ כח זיך צו פארמעסטן! ער האט געזאגט אז עס איז שוין א לאנגע צייט וואס עס איז אים שוין פאר'מיאוס'ט געווארן צו קעמפפן קעגן די אלע שווערע נסיונות וועלכע יאגן אים נאך צו יעדער צייט! און דעריבער בעט ער זיך אז מען זאל אים אפלאזן! – אזוי האט דער בחור געשריגן אין זיין שרעקליכן ענגשאפט.

ער איז דעמאלטס געווען זעכצן יאר אלט, וואס די וועלט רופט עס אן "די נארישע צענערלינג יארן". ער איז געקומען פון א גוטע און ערליכע אידישע שטוב, וועלכער האט שווער געגליטשט און שטארק געשטרויכלט אין די פְּגָעֵי הַזְּמַן! עס האט זיך אנגעהויבן פון א קליין מאשינקע וואס איז 'נאר' נישט געווען כשר... און פון דארט האט זיך עס שוין פארדרייט צו 'טשאשקעלעך' וועלכע זענען שוין געווען מער געפערליך, ה' ישמרנו, און אזוי האט ער געגליטשט גאר שנעל מִדֶּחִי אֶל דֶּחִי. – און וויבאלד ער האט זיך נישט צוגעוואוינט צו שפייזן זיין זעל, מח און הארץ מיטן לערנען גמרא תוספות וועלכע איז פול מיט חִיּוּת דִּקְדֻשָּׁה, האט ער נישט געפינען קיין שום רוחניות'דיגע כח און שטארקייט אפצושטעלן זיין גליטש.

אזוי ווי דער הייליגער רמב"ם ז"ל פסק'נט קלאר, און שטעלט אוועק פעסטע יסודות אינעם וועג וויאזוי מען דארף זיך היטן בקדושה, און נאכן ערקלערן אלע דערווייטערונגען וואס מיר דארפן זיך דערווייטערן פון די תאוה, שרייבט ער ביים סוף פון הלכות איסורי ביאה (פכ"ב הכ"א), ווי פאלגנד: "גְּדוֹלָה מִכָּל זֹאת אָמְרוּ, יְפַנֶּה עַצְמוֹ וּמַחְשַׁבְתּוֹ לְדִבְרֵי תּוֹרָה, וְיַרְחִיב דַּעְתּוֹ בְּחָכְמָה. שֶׁאֵין מַחֲשֶׁבֶת עֲרָיוֹת מִתְגַּבֶּרֶת אֶלָּא בְּלֵב פָּנוּי מִן הַחָכְמָה", עכ"ל.

דאס הארץ פון אט דער פאר'עקשנ'טער בחור, איז געווען פארוואונדעט און צובראכן פון אינעווייניג. ער איז געווען פול מיט דרוק און צארן, און דורכגעדרינגען מיט שרעקליכע פארצווייפלונג! אויף אזוי ווייט אז ער איז געווארן אינגאנצן פארשטאפט, און נישט אריינגעלאזט קיין שום ברעקל ווארימקייט און חיות! אזוי האט ער זיך געדרייט ווי א פארוואונדעטע חיה, נאכיאגנדיג נאך זיין תאוה אן אפהאלט, זאל דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף די צוקלאפטע פון זיין פאלק.

ווען דער רב האט געזען דעם גאנצן צושטאנד מיט קלארקייט, מיטהאלטנדיג ווי דער בחור האט נישט געלאזט קיין שום עפענונג אריינצודרינגען אין זיין פארמאכטן הארץ, האט דער רב זיך געבעטן און הארציג מתפלל געווען פאר השי"ת וועלכער איז דער רוצה בתשובה, אז אלע הייסע טרערן וועלכע האבן ארויסגעשפֶאלטן פון די טיפענישן פון די הערצער פון זיין געטרייע משפחה, זאלן אנגענומען ווערן פארן כסא הכבוד! און דער אויבערשטער זאל אריינגעבן אין זיין הארץ א גוטע און באגלייבטע און גלייכע עצה, וועלכע וועט עפענען א לייכטע שפאלט כדי צו ראטעווען א לויטערע און טייערע נשמה, לְהוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל.

נאכן טיף אריינטראכטן אינעם ענין, האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן אן עצה אין דער הארץ פונעם רב, און ער האט זיך געוואנדן צום בחור מיט ליבליכע און אויפריכטיגע ווערטער, און אזוי האט ער געזאגט צו אים: קוק זיך נאר גוט ארום, און זע וואס עס טוט זיך אצינד! אט האלטן מיר יעצט אין גאר געהויבענע ימי רצון, געפינענדיג זיך אין די טעג ווען מיר טוען קעניגן השי"ת! ישראל קדושים גרייטן זיך מיט געהויבנקייט צו ממליך זיין דעם אויבערשטן איבער אונז און איבער אלע עולמות, וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ! – וואס איז דער עיקר און שורש פון די הייליגע טעג, בעטנדיג די גאנצע צייט אויפן קרוינונג פון הקב"ה: "הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ, הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט" וכו'.

און דער יסוד פון קבלת מלכות שמים הייבט זיך אן מיטן צוברעכן די מלכות דקליפה און עס אונטערטעניגן און אוועקנעמען פון דער וועלט, אזוי ווי מיר זאגן אום ראש השנה און יום הכיפורים: "וְעוֹלָתָה תִּקְפָּץ פִּיהָ, וְכָל הָרִשְׁעָה כֻּלָּהּ כֶּעָשָׁן תִּכְלֶה, כִּי תַעֲבִיר מֶמְשֶׁלֶת זָדוֹן מִן הָאָרֶץ", און דערמיט וועט ווערן אויסגעטראטן די וועג צו ממליך זיין דעם מלכות שמים.

און דער ערשטער תְּנַאי פון אננעמען די מלכות איז דאס גלייך אויספאלגן דעם באפעל פונעם קעניג! וואס דערמיט ווייזט מען אז מיר האבן אים געקרוינט אלץ קעניג, דורכן אויספירן זיין באפעל תיכף ומיד ווען ער האט

המשך אין עמוד ד' ›

עס אונז באפוילן.

יעצט, טייערע בחור! ווען דו רופסט אויס מיט א הויכן שטימע, אז דו ווילסט דווקא בלייבן אונטערן הערשאפט פונעם מַלְכוּת דִּקְלִיפָּה, וויבאלד עס איז דיר שווער צו מאכן די גרויסע מהפיכה, איז דעמאלטס, נישט נאר וואס דו באקרוינסט נישט השם יתברך, נאר שִׁפְחָה תִּירַשׁ גְּבִרְתָּהּ, און דו באקרוינסט אויף דיר די מלכות דקליפה וועלכע ווידערשפעניגן און ברעכן אונטער מלכות שמים די גאנצע צייט, רחמנא ליצלן!

דעריבער, לאמיר דיר געבן אן עצה צו טון גאר א קליינער זאך, וועלכער איז נישט שווער און מען דארף זיך נישט אנשטרענגען דערצו דורכן מאכן גרויסע איבערקערעניש, נאר, יעדן מאל וואס די גלוסטעניש ערוועקט זיך אין דיר, ווענלדיג דיר שטרויכלען צו זינדיגן חלילה, זאלסטו ביטעווארטן א שעה צייט! און צו דיין יצר זאלסטו זאגן "נאך איין שעה"! – דערמיט וואס דו טוסט אביסל אפשטופן די תאוה, האסטו שוין אויפגעוויזן דערמיט, וויינעגסטנס, אז דו האסט נישט אנגענומען אויף זיך די מלכות הקליפה בשלימות! וויבאלד דו לויפסט נישט גלייך אויסצופאלגן זיינע צורעדענישן...

יעצט, כאטש וואס דו ביסט נאך פאר'עקשנ'ט אז דו גייסט נישט אינגאנצן הרג'נען דעם יצר, וויינעגסטנס זאלסטו אויפווייזן אז ער איז נישט קיין 'קעניג' איבער דיר! טו דיך נישט אזוי שטארק דערנידערן! און דערמיט וועסטו אנהייבן צו צוברעכן די מלכות דקליפה, דורכדעם וואס דו וועסט אים אפשטופן פאר א קורצער צייט! – און זאגן פאר דיין יצר: "איך וועל נישט לויפן צו טון דיין תאוה גלייך אויף די מינוט! פאר פינף גאנצע מינוטן וועל איך דיר האלטן אינעם קליינעם קעשענע... יעצט נישט! אין פינף מינוט ארום וועסטו באקומען דיינע שטותים והבלים"! – און אזוי וועסטו צוביסלעך צולייגן נאך פינף מינוט... און נאך פינף מינוט... מעגליך וועסטו אים אזוי קענען אינגאנצן צוברעכן, וויבאלד ער ווערט אלץ מער אפגעשוואכט במשך הזמן, און דאס איז דאך א וואונדערליכע עצה!

דער בחור האט הנאה געהאט און האט זיך שטארק געפריידט אז מען האט געפינען פאר אים א מעגליכע 'רוק' צום גוטן זייט, און ער האט זיך הארציג באדאנקט פארן רב זאגנדיג אז ער האט ממש אויפגעלעבט זיין זעל, גייסט און נשמה! – ער האט טאקע אויסגעפירט די עצה 'הלכה למעשה', און ביז א קורצער צייט איז זיין הארץ געווארן גענצליך איבערגעדרייט, און איז געווארן א פולשטענדיגער בעל תשובה לשם ולתפארת!

און פון די מעשה דארפן מיר זיך אויסלערנען, אז נישט אלעמאל דארף מען קעמפפן אויף א דירעקטן שטייגער! וויבאלד אין מערסטנס פעלער קען מען טרעפן אן אנדער טיר פון וואו מען קען אריינדרינגען אינעם הארץ. מען זאל מתפלל זיין דערויף און בעטן סייעתא דשמיא "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", וויאזוי מיר וועלן זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר. און דערויף זאגט שלמה המלך ע"ה (משלי כ יח): "מַחֲשָׁבוֹת בְּעֵצָה תִכּוֹן, וּבְתַחְבֻּלוֹת עֲשֵׂה מִלְחָמָה".

• • •

ענדליך דערצו איז אמאל געשען, אז איינמאל איז געקומען צום רב איינער וועלכער האט זיך זייער שטארק צוגעוואוינט צו רייכערן ציגערעטלעך, אויף אזוי ווייט אז ער האט זיך כמעט נישט געקענט קיין עצה געבן אן דעם, און פלעגט רייכערן ווי א קוימען, איין ציגערעטל נאכן אנדערן! – אבער עס איז שוין א שטיק צייט וואס עס עקלט אים, און ער וויל זיך זייער שטארק אפגעוואוינען פון רייכערן, ער קען דאס אבער נישט טון בשום אופן! ער פילט ווי דער ציגערעטל יאגט אים נאך אויף א געפערליכן שטייגער! – ער האט ערקלערט אז ער האט שוין אויספראבירט אסאך וועגן פון זיך אפגעוואוינען פון ציגערעטלעך, צאלנדיג גרעסערע סומעס געלט פאר די פארשידענע ארגאניזאציעס, אבער עס איז פאר קיין איינעם פון זיי נישט געלונגען אים אפצוגעוואוינען דערפון!

צו זיין וואונדער האט דער רב געזאגט צו אים: הער זיך גוט צו, מיין טייערער פריינט! דו קענסט ווייטער רייכערן, וויפיל דו ווילסט! רעד זיך נישט איין אז דו וועסט קענען בייקומען עפעס וואס דו ווייסט פון פאראויס אז דו וועסט עס נישט קענען אויסהאלטן... – נאר, יעדן מאל זאלסטו רייכערן בלויז א האלבע ציגערעטל! און די אנדערע האלב זאלסטו אוועקווארפן ווייט־ווייט, און האב נישט קיין מורא פון בל תשחית, וויבאלד עס איז מער בל תשחית אויב דו רייכערסט עס יא...

נאך דריי־פיר וואכן וועסטו זיך צוגעוואוינען אז א ציגערעטל איז נאר האלב... – און דעמאלטס וועסטו אנהייבן ארבעטן פונדאסניי, צו פארציכטן אויף א האלב דערפון... דאס מיינט א פערטל... און אזוי וועסטו זיך טרעפן במשך הזמן, אז דו גייסט ווייניגער און ווייניגער! ביז דו וועסט אנקומען צו 'גארנישט'... וויבאלד עס וועט נאר בלייבן ביי דיר 'א שמעק טאבאק' אין האנט... איבער וועלכע דו וועסט שוין גרינג קענען פארציכטן, און אט האסטו דיך שוין אפגעוואוינט פון רייכערן ציגערעטלעך!

דער 'מהלך' האט זייער פיין געארבעט, און אויסגעהיילט דעם איד מיט גרויס הצלחה! זייער שנעל האט זיך דער מענטש אינגאנצן אפגעוואוינט פון רייכערן! נאך 'רבים וטובים' פאר וועמען דער רב האט פארגעשלאגן דעם אויבנדערמאנטן וועג האבן זיך אפגעוואוינט פון רייכערן נאכאנאנד, מיטן זעלבן שיטה!

פארוואס טוען די גרויסע מומחים, וועלכע העלפן מענטשן זיך אפגעוואוינען פון רייכערן, נישט פארשלאגן אזא פשוט'ן געדאנק! פארוואס טוען זיי אריבעפירן לאנגע און שווערע קורסן, און לייגן אראפ פארשידענע שיטות וויאזוי זיך אפצולאזן דערפון [ווי צום ביישפיל די עלעקטרישע ציגערעטל, וועלכע געבט ארויס א 'כאילו' רויך... א.ד.ג.], און נעמען גרויס געלט... – דאס אלעס איז וויבאלד זייער געדאנק גייט נישט מיט דעת תורה און פאלגט נישט נאך די עצה פון די הייליגע ספרים, אז דער נפש גייט און ציט זיך נאך די פעולות וואס מען טוט, אזוי ווי דער הייליגער 'חינוך' שרייבט (ספר החינוך, מצוה ט"ז) "הָאָדָם נִפְעָל לְפִי פְּעֻלּוֹתָיו". נאר זיי גייען מיט 'חכמות חיצוניות' וועלכע זיי האבן נאכגעמאכט פון די גוי'אישע פעלקער, און דארט זענען זיי נאר געווארן מער און מער פארפלאנטערט... וויבאלד די תאוה וועט זיך ענדליך שטארקן איבער יעדע דרויסנדיגע חכמה, און מיר דארפן שפאנען ביי יעדן זאך בלויז מיט די הייליגע דעת תורה!!!







די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!